— שאַ, שאַ, וואָס איז דאָרט אַזעלכס? פֿאַר וואָס שלאָגסטו אים? גאָט איז מיט דיר! וואָס האָסטו צום קינד? ווײ איז מיר ניט!...

— מעסערלעך?... — שרײַט דער טאַטע און פֿאַרהוסט זיך. — אַ ברעקעלע קינד!... אַזאַ יונגאַטש!... קכע־הע־הע־הע!... קראַנק נעמען אַ ספֿר אין האַנט? אַ בחורל פֿון אַכט יאָר!... איך וועל דיר געבן מעסערלעך, דו פּוסטער בחור אײנער!... אין מיטן דרינען גאָר מעסערלעך, קכע־הע־הע־הע!...

גוואַלד, וואָס האָט ער געהאַט צו מײַן מעסערל? וואָס האָט דאָס בײַ אים אַזוי פֿאַרזינדיקט?... פֿאַר וואָס איז ער אַזוי אין כּעס?...

איך געדענק מײַן טאַטן כּמעט שטענדיק קראַנק, שטענדיק בלאַס, געל, און תּמיד אין כּעס, תּמיד ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט. פֿאַר אַ מינדסט נאַרישקייט ווערט ער אָנגעצונדן און וויל מיך נאָר דורס זײַן. אַ גליק, וואָס די מאַמע פֿאַרהיט מיך, זי לייזט מיך אויס פֿון זײַנע הענט.

און דאָס מעסערל מײַנס האָט מען פֿאַרוואָרפֿן, פֿאַרוואָרפֿן אַזוי ווײַט, אַז איך האָב דאָס אַכט טאָג כּסדר געזוכט און געזוכט און האָב דאָס נישט געקאָנט געפֿינען אין ערגעץ! איך האָב ערנסט באַוויינט דאָס האָרבאַטע מעסערל, דאָס גוטע מעסערל, און ווי ביטער און פֿינצטער מיר איז געווען אין חדר, אַז איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך וועל קומען אַהיים מיט געשוואָלענע באַקן, מיט רויטע אונטערגעריסענע אויערן פֿון "מאָטי מלאך־המוותעס" הענט, דערפֿאַר וואָס אַן אָקס האָט געשטויסן אַ בהמה,

— צו וועמען וועל איך זיך קערן און ווענדן? עלנט בין איך געבליבן אָן דעם האָרבאַטן מעסערל, עלנט ווי אַ יתום, און קיינער, קיינער האָט ניט געזען מײַנע טרערן, וועלכע איך האָב שטילערהייט פֿאַרגאָסן בײַ זיך, אויף מײַן בעטל, בײַ נאַכט, קומענדיק פֿונעם חדר. שטיל האָב איך מיך אויסגעוויינט, אויסגעווישט די אויגן, אַנטשלאָפֿן געוואָרן און אויף מאָרגן פֿרי ווידער אין חדר אַרײַן, ווידער "שור שנגח את הפּרה" — אַן אָקס וואָס האָט געשטויסן אַ בהמה, ווידער "מאָטי מלאך־המוותעס" קלעפּ, ווידער דעם טאַטנס כּעס, דעם טאַטנס הוסט, דעם טאַטנס קללות,

— ניטאָ קיין פֿרײַע מינוט, קיין פֿריילעכע מינע, קיין שמייכעלע, קיין איינציק שמייכעלע פֿון קיינעם, פֿון קיינעם — איינער אַליין, עלנט, עלנט אויף דער גאַנצער וועלט!...

"Stop it! What's going on? Why are you hitting him? For goodness' sake, what have you got against the child? Oh, woe is me!"

"Knives," Father shouted and coughed. "A snip of a child. . . . What a lout. . . . Can't you pick up a book? . . . You're eight years old already. . . . I'll give you knives, you empty-headed scamp. . . . Knives all of a sudden!"

God Almighty, what did he have against my little knife? How had the little thing sinned against him? Why was he so angry?

My father, I remember, was almost constantly ill, always pale and yellow, and in a perpetual rage at the world. He blazed with anger at the most trivial thing and was ready to trample me. Luckily Mama kept a wary eye and saved me in the nick of time.

They threw my little penknife so far I couldn't even find it after an intensive eight-day search. I sincerely mourned my misshapen knife, my good little knife. How dark and bitter was my lot in *kheder!* I came home day after day with swollen cheeks, with red ears mercilessly tweaked by the hands of Motti the Angel of Death—all because an ox bumped into a cow. To whom could I turn? I was as lonely as an orphan without my misshapen knife. Absolutely no one was aware that I wept silently in bed after I came home from *kheder*. I had a quiet cry, dried my eyes, fell asleep, and returned to *kheder* the following morning to resume studying about the ox that gored the cow. Once again I'd catch the blows doled out by Motti the Angel of Death, and face Father's anger, his cough, and his curses. I had no moment of leisure, saw neither pleasant mien nor smiles. No one ever smiled at me. I was lonely and forlorn. All alone in the entire world.

## [ב]

פֿון יענער צײַט אָן איז איבערגעגאַנגען אַ יאָר, און אפֿשר אָנדערהאַלבן. איך האָב שוין כּמעט אָנגעהויבן צו פֿאַרגעסן דאָס האָרבאַטע מעסערל. עס ווײַזט אויס, אַז מיר איז אָבער אָנגעצייכנט געוואָרן מן־השמים, אַז מײַנע אַלע קינדערשע יאָרן זאָל איך אָפּקומען פֿאַר מעסערלעך. איז געבוירן געוואָרן אַ נײַ מעסערל אויף מײַן אומגליק, גאָר אַ שפּאָגל נײַ מעסערל, אַן אַנטיקל, אַ חריפֿות, כלעבן, אַ וואַזשנע מעסערל, מיט צוויי קלינגלעך, טײַערע שטאָלענע קלינגלעך, שאַרפֿע ווי חלפֿים, מיט אַ ווײַס ביינערן קלעצל, מיט אַ מעשענעם "קאַסטן", מיט רויטע מעשענע שטיפֿטיקלעך — איך זאָג אײַך, אַן אַנטיקל, אַן אמתדיקס, אַ "זאַוויאַלאָווס"!... *

ווי קומט צו מיר דאָס דאָזיקע טײַערע מעסערל, וואָס איז גאָר ניט אויף מײַן מיסט געוואַקסן געוואָרן? דאָס איז אַ גאַנצע מעשׂה, אַ טרויעריקע, נאָר אַ שיינע מעשׂה. הערט, איך בעט אײַך, מיט קאָפּ.

וואָס פֿאַר אַ פּנים האָט בײַ מיר געהאַט דער "גלוח", דער ייִדישער דײַטש, וואָס איז געשטאַנען בײַ אונדז סטאַנציע, דער פּאָדריאַטשיק הער הערץ הערצנהערץ, אַז גערעדט האָט ער אויף ייִדיש, געגאַנגען איז ער אָן אַ היטל, אָן אַ באָרד, אָן פּאות און, איך בעט איבער אײַער כּבֿוד, ביז העכער האַלב אונטערגעשניטן די קאַפּאָטע? איך פֿרעג אײַך, ווי אַזוי האָב איך זיך געקאָנט אײַנהאַלטן און ניט פּלאַצן פֿאַר געלעכטער, ווען דער דאָזיקער ייִדישער גוי, אָדער דער גויישער ייִד האָט צו מיר גערעדט דווקא אויף ייִדיש, נאָר עפּעס אַ מאָדנע ייִדיש, מיט אַ סך פּתחן.

— נו, ליבסטער קנאַבע, וואָס פֿיר סדרה גייט דיזע וואָכע?

— כי־כי־כי! — האָב איך מיך צעלאַכט און באַהאַלטן דאָס פּנים אין האַנט.

— זאַגע־זאַגע, מײַן ליבעס קינדכען, וואָס פֿיר סדרה גייט דיזע וואָכע?

— כי־כי־כי! ב־ל־ק!!... — האָב איך אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער און בין אַנטלאָפֿן געוואָרן.

נאָר דאָס איז אַלץ געווען צום אָנהייב, בשעת איך האָב אים נאָך גאָר ניט געקענט; אָבער נאָך דעם, אַז איך האָב מיך שוין גוט באַקענט מיט דעם דאָזיקן דײַטש הער הערץ הערצנהערץ (ער איז אָפּגעזעסן בײַ אונדז אין שטוב אַ יאָר כּסדר), האָב איך אים אַזוי ליב געקריגן, אַז עס האָט מיך שוין מער נישט געאַרט, וואָס ער דאַוונט נישט און עסט אומגעוואַשן. תּחילת האָב איך נישט פֿאַרשטאַנען, ווי אַזוי לעבט ער? ווי אַזוי האַלט אים גאָט אויף דער וועלט? ווי אַזוי ווערט ער נישט דערוואָרגן בײַם עסן? ווי אַזוי קריכן אים ניט אויס די האָר פֿונעם נאַקעטן קאָפּ? פֿונעם רבין "מאָטי מלאך־המוות" האָב איך געהערט, פֿון זײַן מויל אַליין, אַז דער דאָזיקער ייִדישער דײַטש איז גאָר אַ גילגול, דאָס הייסט: אַ ייִד איז מגולגל געוואָרן אין אַ דײַטש, וואָס שפּעטער קאָן ער נאָך מגולגל ווערן אין אַ וואָלף, אין אַ בהמה, אין אַ פֿערד, אָדער גאָר אין אַ קאַטשקע... אין אַ קאַטשקע?

כאַ־כאַ־כאַ! אַ שיינע מעשׂה! אַזוי האָב איך מיר געטראַכט און האָב באמת רחמנות געהאַט אויפֿן דײַטש. איין זאַך האָב איך ניט געקאָנט פֿאַרשטיין: פֿאַר וואָס דער טאַטע, וואָס איז געווען אַן ערלעכער ייִד, אַ ירא־שמים, האָט אים תּמיד אָפּגעטראָטן דעם אויבנאָן, און אויך אַלע אַנדערע ייִדן, וואָס פֿלעגן אַרײַנקומען צו אונדז אין שטוב אַרײַן, פֿלעגן אים שטאַרק אָפּגעבן כּבֿוד:

— שלום־עליכם, רב הערץ הערצנהערץ! ברוך הבא, רב הערץ הערצנהערץ! זיצט, רב הערץ הערצנהערץ!

* "זאַוויאַלאָווס" — די געוויסע מעסער־פֿאַבריק.

## 2

A year, perhaps a year and a half, passed. I almost forgot that misshapen little penknife. But as it turned out, I was destined to be plagued by knives throughout my childhood. As ill luck would have it, another little penknife came into my life. It was brand-new. So help me, a beauty! There was nothing like it. It had a white bone handle, two expensive, razor-sharp steel blades, and it came in a brass case studded with red brass tacks. I tell you, it was out of this world. The best on the market.

How did I get hold of such an expensive penknife, an item which I couldn't possibly afford? Well, it's a long, sad, but interesting story. So listen carefully, please.

We had a lodger, a German Jew. A contractor named Hertz Hertzenhertz. Can you imagine my opinion of him if he mumbled Yiddish, but was bareheaded, beardless and without ear-locks, and, sad to relate, even went about in a highly untraditional, short gaberdine? How could I keep a straight face when this Jewish *goy* (or *goyish* Jew) spoke to me in his fractured Yiddish—a queer dialect that was more German than Yiddish?

"Vell, my dear boy, what Tauro portion are vee reedink zis veek in shul?"

I giggled and hid my face in my hands.

"Tell me, tell me, my dear boy, vat ve're reedink von ze Tauro."

I exploded with laughter and ran away.

A year later, however, I was already familiar with our Jewish German and liked him very much. It no longer bothered me that Hertz Hertzenhertz didn't say his prayers and ate without ritually washing his hands. At first I couldn't understand why he was not struck down. How come God permitted him to live? Why didn't he choke while eating? Why didn't his hair fall out? My rebbi, Motti the Angel of Death, told me himself that this Jewish German was a transmigrated soul, a Jew who had become a German and who might later reappear as a wolf, a cow, a horse, or even a duck. A duck? That would really be something, I thought, pitying the poor German. Still, one thing puzzled me. Why did Father, who was an honest, God-fearing man, always seat him at the head of the table, and why did all others who visited us also treat him with utmost respect?

"How do you do, Reb Hertz Hertzenhertz?" they would say. "A hearty welcome, Reb Hertz Hertzenhertz."

איך האָב אַפֿילו אַ מאָל אַ פֿרעג געטאָן דעם טאַטן, האָט ער מיך אָפּגעשטופּט און האָט מיר געענטפֿערט:

— אַוועק, ס'איז ניט דײַן עסק! וואָס פּלאָנטעסטו זיך דאָ אַרום, וועלכע שוואַרצע יאָר? קראַנק ביסטו נעמען אַ ספֿר אין האַנט, הע־הע־הע!

ווידער אַ ספֿר? רבונו־של־עולם!... איך וויל **אויך** זען, איך וויל **אויך** הערן וואָס ער רעדט!

איך גיי אַרײַן אין זאַל אַרײַן און פֿאַרגנבֿע זיך אין אַ ווינקעלע און הער זיך צו ווי מע רעדט בײַ אונדז, ווי דער הער הערץ הערצנהערץ לאַכט אויף אַ קול און רייכערט גראָבע שוואַרצע "ציגאַרן", וואָס שמעקן מחיה־נפֿשות... פּלוצעם גייט צו צו מיר דער טאַטע און לאָזט מיר אַראָפּ אַ פּאַטש.

— ביסט שוין ווידער דאָ? דו פּוסטעפּאַסניק! וואָס וועט זײַן פֿון דיר דער תּכלית, דו גויעץ איינער!... גוואַלד, וואָס וועט זײַן פֿון דיר, כע־הע־הע־הע!

דער הער הערץ הערצנהערץ שטעלט זיך אײַן פֿאַר מיר: "אַבער לאַסן זי אים! לאַסן זי אים!"

נאָר עס העלפֿט ניט. דער טאַטע טרײַבט מיך אַרויס. איך נעם "אַ ספֿר" אין האַנט, נאָר עס ווילט זיך פֿאָרט ניט קוקן אין ספֿר אַרײַן! וואָס טוט מען?... איך גיי פֿון איין חדר אין דעם אַנדערן, ביז איך קום צו דעם שענסטן פֿון אַלע חדרים, דאָרט, וווּ עס שלאָפֿט תּמיד דער הער הערץ הערצנהערץ. אַך, ווי שיין, ווי ליכטיק דאָרט איז! די לאָמפּן ברענען און די שפּיגלען גלאַנצן; אויפֿן טיש אַ גרויסער, אַ זילבערנער טינטער מיט שיינע פּענעס; מענטשעלעך מיט פֿערדעלעך, מיט צאַצקעלעך, מיט ביינדלעך, מיט שטיינדלעך און... אַ מעסערל. אַך, וואָס פֿאַר אַ שיין מעסערל!... ווען איך, אַ שטייגער, זאָל האָבן אַזאַ מעסערל! ווי גליקלעך וואָלט איך געווען! וואָס פֿאַר מינים זאַכן וואָלט איך מיט דעם אויסגעשניצט! אַנו, מע דאַרף דאָס פּרוּוון — עס איז עפּעס שאַרף?... אַך! עס כאַפּט אַ האָר! עס האַקט איבער אַ האָר! אײַ־אײַ־אײַ, אַ מעסערל!!...

איין מינוט — דאָס מעסערל איז בײַ מיר אין האַנט. איך קוק זיך אַרום אויף אַלע זײַטן און פּרוּוו זיך דאָס אַרײַנלייגן אויף אַ מינוטקעלע צו זיך אין קעשענע... עס ציטערט מיר די האַנט... עס קלאַפּט מיר דאָס האַרץ אַזוי שטאַרק, אַז איך הער, ווי עס מאַכט: "טיק־טיק־טיק!"... איך הער, ווי עמעצער גייט, עמעצער סקריפּעט מיט די שטיוול; דאָס איז ער, דער הער הערץ הערצנהערץ! אײַ־אײַ, וואָס טוט מען? דאָס מעסערל לאָז זײַן בײַ מיר, איך וועל עס נאָך דעם צוריק אַנידערלייגן. דערווײַל דאַרף מען אַרויסגיין, אַוועקגיין פֿון דאַנען, אַנטלויפֿן! אַנטלויפֿן!

.......................................................................................

איך קאָן שוין קיין וועטשערע ניט עסן. די מאַמע טאַפּט מיך בײַם קאָפּ. דער טאַטע וואַרפֿט אויף מיר בייזע אויגן און שיקט מיך אָפּ שלאָפֿן... שלאָפֿן? איך קאָן דען צומאַכן די אויגן? איך בין אַ טויטער!... וואָס טוט מען מיטן מעסערל? ווי אַזוי לייגט מען דאָס אַנידער צוריק?...

Once I even asked Father about this, but he pushed me away and said:

"Get along. It's none of your business. Why are you roaming around here, the devil take it? Are you too lazy to take a book in hand?" And he fell into a fit of coughing.

Again a book? God Almighty! I, too, wanted to be part of things. I, too, wanted to hear what Herr Hertzenhertz was talking about.

I stole into a corner of the living room, listened to Hertz Hertzenhertz laughing loudly, and watched him smoking his thick, black, aromatic cigars. Suddenly Father came over to me and smacked me.

"You here again, you empty-headed simpleton? What's going to become of you, you heathen? God Almighty, what's going to become of you?" And he fell into a fit of coughing.

But Hertz Hertzenhertz stood up for me. "Oh, leaf him alone. Let ze boy be."

But to no avail. Father chased me out anyway. I picked up a book, but had no desire to read it. What to do? . . . I wandered from room to room till I came to the nicest one of all—the one where Herr Hertz Hertzenhertz slept. Oh, how bright and cheerful was his room! The lamps glowed, and the mirrors sparkled. A big silver inkwell and several fine pens were on the tables, as well as several knicknacks—and a penknife. And what a beauty! If only I had such a knife. How happy I would be. What things I would carve. Yes, it must be put to the test. Was it sharp? Yes, it cut a hair. Sliced it right in two. Boy, was that a knife!

In no time the knife was in my hand. I looked from side to side and slipped the knife into my pocket for a moment. . . .

My hand trembled. . . . My heart beat so loudly that I could hear it going tick-tick-tick. I heard someone coming, a pair of boots creaking. It was Hertz Hertzenhertz. What should I do? I'd better keep the knife in my pocket now. I'd put it back later. Now I had to leave the room and run away.

I could not eat supper. Mama touched my forehead. Father looked sternly at me and sent me to bed. . . . Sleep? Do you think I could close my eyes? For all intents and purposes I was dead. What was I to do with the knife? How could I put it back?

[ג]

3

— קום נאָר אַהער, תּכשיט מײַנער! — מאַכט צו מיר אויף מאָרגן דער טאַטע. — האָסטו ניט געזען ערגעץ דאָס מעסערל?...

תּחילת בין איך געווען זייער דערשראָקן: עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז ער ווייסט, אַז זיי ווייסן אַלע... שיער־שיער האָב איך זיך ניט אַרויסגעכאַפּט: האַ? דאָס מעסערל? אָט איז דאָס... עס האָט מיך עפּעס ווי אַ וואַרג געטאָן אין האַלדז, און איך האָב מיט ציטערניש געענטפֿערט:

— ווו — וואָסער מעסרערל?...

— ווו — וואָסער מעסערל! — קרימט מיך איבער דער טאַטע. — ווו — וואָסער מעסערל? דאָס גילדענע מעסערל! אונדזער אורחס מעסערל! דו בחורעץ, דו שייגעץ איינער, קכע־הע־הע!

וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צום קינד? — מישט זיך אַרײַן די מאַמע. — דאָס קינד ווייסט ניט פֿון קיין פּותר און פֿון קיין חלום, און ער דולט אים אַ ספּאָדיק: מעסערל, מעסערל.

— מעסערל, מעסערל! וואָס הייסט ער ווייסט ניט? — זאָגט דער טאַטע מיט כּעס. — אַ גאַנץ פֿרימאָרגן הערט ער, ווי מע שרײַט "מעסערל, מעסערל! מעסערל, מעסערל!" מע קערט איבער די שטוב נאָך דעם מעסערל, פֿרעגט ער: ווו — וואָסער מעסערל? גיי שוין, גיי וואַש זיך, דו פּוסטער בחור איינער, דו גוי־גוי־עץ, קכע־הע־הע!

איך דאַנק דיר, רבונו־של־עולם, וואָס זיי האָבן מיר כאָטש ניט באַזוכט! נאָר וואָס טוט מען ווײַטער? מע באַדאַרף דאָס מעסערל באַשטאַטן ערגעץ אויף אַ גוט אָרט... ווו באַהאַלט מען דאָס? אַהאַ, אויפֿן בוידעם! איך כאַפּ דאָס אַרויס פֿון קעשענע און טו דאָס אַ שטופּ אין שטיוול אַרײַן... איך עס, און ווייס ניט וואָס איך עס. איך וואַרג זיך...

— וואָס כאַפּסטו זיך אַזוי, וועלכע שוואַרצע יאָר? — פֿרעגט מיך דער טאַטע.

— איך אײַל מיך אין חדר אַרײַן — ענטפֿער איך אים און פֿיל, אַז איך ווער רויט, ווי פֿײַער...

— אַ מתמיד געוואָרן, וואָס זאָגסטו אויף דעם צדיק? — וואָרטשעט ער און קוקט אויף מיר בייז. קוים־קוים דערלעבט אָפּעסן, אָפּבענטשן.

— נו, פֿאַר וואָס גייסטו שוין ניט אין ח־חדר, צדיק מײַנער? — פֿרעגט מיך דער טאַטע.

— וואָס טרײַבסטו אים אַזוי? — פֿרעגט אים די מאַמע. — לאָז דאָס קינד זיצן אַ מינוט!

איך בין שוין אויפֿן בוידעם... ווײַט, ווײַט, אין קראָקווע ליגט דאָס ווײַסע מעסערל; עס ליגט און שווײַגט...

— וואָס קלעטערסטו אויף בוי־בוידעמס? — שרײַט דער טאַטע. — דו יונגאַטש איינער! דו בר־מצווה־יונג! דו באָד־גוי! קכע־הע־הע!

"Come here, my precious little gem," my father said the next morning. "Have you seen the knife around?"

At first I was petrified. I fancied that he knew, that they all knew. . . . And I almost blurted out— Huh? The knife? Here it is. . . . But I choked up and with a trembling voice answered:

"Wha . . . what knife?"

"Wha . . . what knife?" Father mimicked. "Wha . . . what knife! The golden knife! Our lodger's knife. You lout, you scoundrel!" And he fell into a fit of coughing.

"Why are you picking on the child?" Mama intervened. "The child doesn't know a blessed thing about it, and you keep harping away, knife, knife, knife."

"Knife, knife. What do you mean he doesn't know?" Father raged. "All morning long he's been listening to us yelling, knife, knife, knife. The entire house is being turned upside down for that knife, and he asks, 'Wha . . . what knife?' Get along, move on, go wash up, you empty-headed lout, you heathen." And he fell into a fit of coughing.

Thank God they didn't search me. But what next? The knife had to be hidden in a safe spot. Where could I hide it? Oh, yes! In the attic. I pulled the knife out of my pocket and slipped it into my boot. I ate without knowing what I was eating. In fact, I was choking.

"What are you rushing for, the devil take it?" Father asked.

"I'm rushing off to *kheder*," I answered and felt my face becoming red as fire.

"Suddenly a scholar! What do you say to our new saint?" he grumbled, furious at me.

I barely managed to finish eating and say grace.

"Well, how come you're not going to *kheder*, my little saint?" Father asked.

"What are you chasing him for?" Mama said. "Let the child sit for a while."

A minute later I was up in the attic. The white penknife, placed in some dark corner, lay there and said nothing.

"Why are you clambering around up in the attic?" Father yelled. "You lout! You're almost Bar Mizvah, you bathhouse dunderhead!" And he fell into a fit of coughing.

מיך אײַנשלינגען... גלײַך אין אויער אַרײַן הער איך אַ בלאָז: תּקיעה — טהו! שבֿרים־טהו־טו! תּרועה — טהו־טו־טו־טו! און איינער שטייט איבער מיר און שרײַט אויף אַ קול מיט אַ ניגון, צום טאַקט: "שמײַסט אים! שמײַסט אים! שמײַסט אים! ער איז אַ ג־אַ־אַ־אַ־נבֿ!!!" און אַליין שרײַ איך: "גוואַלד, נעמט צו פֿון מיר די לבֿנה! גיט איר אָפּ דאָס מעסערל! וואָס האָט איר צו בערלען נעבעך? ער איז ניט שולדיק — דאָס בין איך אַ ג־אַ־אַ־נבֿ! אַ ג־אַ־אַ־נבֿ!"...

און ווײַטער געדענק איך ניט.

.........................................................................................

איך עפֿן אויף איין אויג, און דאָס אַנדערע אויג... וווּ בין איך? דאַכט זיך, אויף אַ בעט? וואָס טו איך דאָ? ווער זיצט דאָס אָט דאָרט אויף אַ בענקל, בײַם בעט? אַ! דאָס ביסטו, מאַמע? מאַמע!... זי הערט מיך ניט!... מאַמע! מאַמע! מאַאַממע!!!... וואָס הייסט דאָס? מיר דאַכט, אַז איך שרײַ אויף אַ קול!... שאַ! איך הער זיך צו — זי וויינט? זי וויינט שטילערהייט. אויך זע איך דעם טאַטן מיט זײַן געל קרענקלעך פּנים. ער זיצט איבער אַ ספֿר און זאָגט עפּעס שטילערהייט און הוסט און זיפֿצט און קרעכצט... עס ווײַזט אויס, אַז איך בין געשטאָרבן... געשטאָרבן?... מיט אַ מאָל פֿיל איך, ווי עס ווערט מיר ליכטיק אין די אויגן, גרינג אין קאָפּ, גרינג אין אַלע אבֿרים. עס קלינגט מיר אין איין אויער, אינעם אַנדערן אויער: דזיננננן!!! איך גיב אַ ניס: אַפּטשי!...

— צו געזונט! צו אַריכות־ימים! צו לאַנגע יאָרן! אַ סימן־טובֿ! מזל־טובֿ! געלויבט ביסטו, גאָט!

— באמת גענאָסן! געלויבט דער אייבערשטער!

— מיר האָבן אַ גרויסן גאָט! ער וועט, אם־ירצה־השם, זײַן געזונט, גאָט ברוך־הוא־וברוך־שמו!

— לאָז מען רופֿן גיכער אַהער מינצי די שוחטקע: זי שפּרעכט גוט אָפּ אַן עין־הרע.

— דעם דאָקטער וואָלט מען באַדאַרפֿט רופֿן, דעם דאָקטער!

— דעם דאָקטער? צו וואָס? נאַרישקייט! "ער" איז אַ דאָקטער! דער אייבערשטער איז דער בעסטער דאָקטער! גאָט ברוך־הוא־וברוך־שמו!

— צעגייט זיך, עולם, צעגייט זיך אַ ביסל! עס איז שרעקלעך הייס! אום גאָטעס ווילן, צעגייט זיך!

— אַיאָ? איך האָב אײַך געזאָגט, אַז מע דאַרף אים אויסגיסן מיט וואַקס, האַ? ווער איז גערעכט?

— געלויבט איז גאָט! געלויבט איז השם־יתבּרך!... אוי, גאָט, גאָט, גאָט ברוך־הוא־וברוך־שמו!...

מע דרייט זיך אַרום מיר, מע קוקט אויף מיר. יעדער גייט צו און טוט מיך אַ טאַפּ בײַם קאָפּ. מע שפּרעכט מיך, מע שעפּטשעט מיך, מע לעקט מיר דעם שטערן און מע שפּײַט אויס און מע פּילנעוועט מיך: מע גיסט מיר אין מויל אַרײַן זודיקע יויך און מע שטופּט מיר מיט לעפֿעלעך אײַנגעמאַכטס, — אַלע דרייען זיך אַרום מיר, מע היט מיך אָפּ, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פֿונעם אויג, מע האָדעוועט מיך מיט יײַכלעך און מיט קאַטשקעלעך, ווי אַ פּיצעלע קינד, און מע לאָזט מיך נישט אַליין; עס זיצט תּמיד נעבן מיר די מאַמע און דערציילט מיר איבער אַלע מאָל איבער אַ נײַס די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי מע האָט מיך אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד כּמעט אַ טויטן; ווי אַזוי איך בין געלעגן צוויי וואָכן כּסדר אין אַ העליש פֿײַער און האָב נאָר געקוואַקעט, ווי אַ זשאַבע, און עפּעס כּסדר גערעדט פֿון שמיץ און פֿון מעסערלעך... מע האָט שוין גערעכנט, אַז איך בין שוין חלילה געשטאָרבן... און נאָך דעם, פּלוצעם, האָב איך אַ ניס געגעבן זיבן מאָל, ממש פֿון טויט לעבעדיק געוואָרן...

— הײַנט זעען מיר, וואָס פֿאַר אַ גאָט מיר האָבן, ברוך־הוא־וברוך־שמו! — לאָזט אויס די מאַמע מיט טרערן אויף די אויגן. — הײַנט זעען מיר, אַז מע רופֿט צו אים, הערט ער אויס אונדזערע זינדיקע בקשות און אונדזערע שולדיקע טרערן... אַ סך, אַ סך טרערן האָבן מיר פֿאַרגאָסן, איך און דער טאַטע, ביז גאָט האָט רחמנות געהאַט... שיער, שיער נישט אָנגעוואָרן, פֿאַרזינדיקט אַ קינד חלילה, מיר זאָל זײַן פֿאַר דײַנע ביינער, איבער וועמען? איבער וואָס? איבער אַ ייִנגל, אַ גנבֿ, עפּעס אַ בערעלע, וואָס דער רבי האָט פֿאַרשמיסן אין חדר ביזן בלוט אַרײַן. אַז דו ביסט געקומען צו גיין פֿון חדר, ביסטו שוין געווען אַ טויטער, דער מאַמע זאָל זײַן פֿאַר דיר! דאָס איז אַ רוצח, דאָס איז אַ גזלן, גאָט זאָל אים באַצאָלן, רבונו־של־עולם!... ניין, מײַן קינד, אַז גאָט וועט אונדז שענקען דאָס לעבן און דו וועסט, אם־ירצה־השם, אויפֿשטיין געזונטערהייט, וועלן מיר דיך שוין אָפּגעבן צו אַן אַנדערן מלמד, ניט אַזאַ קאַט, אַזאַ רוצח, ווי אָט דער "מלאך־המוות", ימח־שמו־וזכרו זאָל ער ווערן!

די דאָזיקע בשׂורה איז בײַ מיר שרעקלעך אָנגעלייגט! איך כאַפּ אַרום די מאַמע קושן:

— טײַערע, טײַערע מאַמע!...

און דער טאַטע גייט צו צו מיר פּאַוואָליע, לייגט אַרויף זײַן בלייכע קאַלטע האַנט מיר אויפֿן שטערן און זאָגט צו מיר שוין ווייך, אָן אַ שום כּעס:

— איַי, האָסטו אונדז איבערגעשראָקן, דו שקאָץ איינער, קכע־הע־הע־הע!

אויך דער ייִדישער דײַטש, אָדער דער דײַטשער ייִד, הער הערץ הערצנהערץ, מיט אַ "צייגײַער" אין די ציין, בייגט זיך אָן מיט זײַן געגאָלטער מאָרדע איבער מײַן בעטל און טוט מיך אַ גלעט איבערן בעקל און זאָגט אויף דײַטש:

— גוט, גוט! געזונד, געזונד!...

*

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום נאָך מײַן אויפֿשטיין פֿון בעט רופֿט זיך אָן צו מיר דער טאַטע:

— נו, מײַן זון, אַצינד גיי אין חדר אַרײַן, און האָב שוין מער ניט אין זינען קיין מעסערלעך מיט קיין נאַרישקייטן... שוין צײַט זאָלסט שוין אָנהייבן ווערן אַ שטיקל מענטש; אם־ירצה־השם, איבער דרײַ יאָר ווערסטו שוין בר־מצווה, צו הונדערט און צוואַנציק יאָר, קכע־הע־הע!

blast near my ear—the shrill retorts of a ram's horn. Someone stood over me, chanting rhythmically: "Beat him. Beat him. Beat him. He is a thi-ief!" I cried, "Help! Take the moon away from me. Give the moon the knife. . . . What have you got against Berele? He's not to blame. It's me who's the thi-ief, the thi-ief!"

The rest I don't remember.

* * *

I opened one eye, then the other. . . . Where was I? Apparently, on a bed. What was I doing here? Who was sitting on a bench next to the bed? Oh, it's you, Mama?

Mama!

She didn't hear me.

Mama! . . . Mama! . . . Ma-maa. . . .

What did this mean? I was sure I was shouting. . . . Wait. I listened. She was crying. Crying softly. I also saw Father's yellow, sickly face. He was bent over a book. He said something softly and coughed. He sighed and groaned. Apparently, I was already dead. . . . Dead? But then I felt my eyes brightening. My head felt better. So did the rest of my body. One ear buzzed, then the other. . . . *Zzzzing*. I sneezed—*haptshoo!*

"God bless you. Long life to you. Many years of good health. *Mazel tov*. Congratulations. Oh, dear God, thank you!"

"He actually sneezed. Thanks to the Almighty Lord!"

"We have a great God. The boy will be well, God willing. Blessed be He, and blessed be His name."

"Quick, let's call Mintzie the *shokhet*'s wife. She's an expert at charms to ward off the evil eye."

"Better call the doctor. The doctor."

"The doctor? What for? Nonsense. There is a better doctor. The Almighty is the best doctor in the world. God, blessed be He, and blessed be His name!"

"Move on, folks. Please disperse a bit. It's awfully hot. For God's sake, move on."

"Well? I told you we should pour out a wax image* of him! So who was right, hah?"

"Thank God. Praised be the Lord. O God, God, blessed be He, and blessed be His name."

People swarmed around me; they stared at me. Everyone approached and tapped my forehead. They said charms over me; they whispered to me; they licked my forehead and spat; they tended me. They poured hot soup into me and stuffed me with spoonfuls of fruit preserves. Everyone hovered over me, caring for me like the apple of their eye. They fed me broths and ducklings like a baby; they did not leave me alone. Mama always sat next to me and repeated the entire story. I had fallen to the ground virtually lifeless, and they had to lift me up. I lay delirious for two weeks, croaking like a frog, babbling continually about whippings and knives. . . . They thought that I was quitting this world, God forbid. Then suddenly I sneezed seven times and returned from the dead to life.

"Now we know what sort of God we have, blessed be He, and blessed be His name," said Mama with tears in her eyes. "Now we know that if we call to Him, He hears our sinful requests and our guilt-ridden tears. . . . We shed plenty of tears, your father and I, until finally God showed some pity. Almost lost a child, God forbid. Almost lost a child on account of our great sins. May we suffer what God intended for you. Who prompted all this trouble? What was it all about? A boy, a thief, some Berele whom the rebbi beat up in *kheder* till he was bleeding. When you came home from *kheder*, you looked half-dead already, may I suffer all your ills! What a murderer that rebbi is; what a brute! May God get even with him, dear Lord! . . . No, no, my child. If we live and be well, and you rise from your sickbed, God willing, we'll get you another teacher, not such a hangman, such a murderer like this Angel of Death, may his name and memory be blotted out!"

This bit of news delighted me no end. I hugged Mama and kissed her.

"Dear, dear Mama."

Father approached slowly, touched my forehead with his cold pale hands, and said softly, without a trace of anger:

"Oh, you've given us quite a fright, you little rascal." And he fell into a fit of coughing.

Even our beardless Jewish German, Herr Hertz Hertzenhertz, bent over my bed with a cigar between his teeth, patted my cheek, and said in German:

"Gut, gut! You're helsy, you're shtrong and helsy now."

Two weeks after I had recuperated, my father said:

"Well, my boy, now go to *kheder*, and pay no more mind to knives or other such nonsense. . . . It's high time you grew

* A folk belief that pouring out a wax image of someone was beneficial—*Tr.*

מאָל ניט דערשינען. מיט גאָר קליינע שינויים אין פֿאַרגלײַך מיטן אָפּדרוק פֿון 1903 איז "דאָס מעסערל" אַרײַן אינעם אַכטן באַנד פֿון אַלע ווערק, מעשׂיות פֿאַר אידישע קינדער, ניו־יאָרק 1918, ז"ז 7–32. פֿון דאַנען איז דער טעקסט איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַלע שפּעטערדיקע אויסגאַבעס פֿון "דאָס מעסערל".

אין אונדזער עדיציע ברענגען מיר דעם צווייטן נוסח לויטן כּתבֿ־יד און לויט זײַן ערשטן אָפּדרוק פֿון 1903.

*

אינעם ערשטן נוסח פֿון 1887 האָט "דאָס מעסערל" אַן אונטערקעפּל אויפֿן שער: "אַ נאַרישע, נאָר טרויעריקע געשיכטע פֿון מײַן קינדהייט". כאָטש דאָס אונטערקעפּל פֿעלט אינעם צווייטן נוסח, האָט שלום־עליכם זיך געמיט אונטערצושטרײַכן דעם אויטאָביאָגראַפֿישן יסוד פֿון דער דערציילונג אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים. אינעם צווייטן נוסח ווערט דער דערציילער אין דער ערשטער פּערזאָן אָנגערופֿן מיטן מחברס און מיט זײַן פֿאָטערס פֿאַקטישע נעמען "שלום בן נחום" (זען ז' 13). אינעם ערשטן נוסח ווערט דער נאָמען פֿונעם דערציילער ניט דערמאָנט, זײַן פֿאָטער הייסט דאָרט "לייזער". אין די אויבן דערמאָנטע פֿאַרצייכענונגען פֿון תרס"ד האָט שלום־עליכם בפֿירוש דערציילט וועגן דעם ערשטן נוסח: "... האָב ניט געקאָנט אַנטשלאָפֿן ווערן. בין איך אויפֿגעשטאַנען, זיך געזעצט צום שרײַבטיש און אָנגעשריבן, ניט אָנגעשריבן, נאָר אויסגעגאָסן, אַ זאַך, אַ דעראינערונג, פֿון מײַנע חדר־יאָרן און האָב דאָס אַ נאָמען געגעבן 'דאָס מעסערל'" (דאָרט, ז' 95).

אָבער כאָטש דער אויטאָביאָגראַפֿישער כאַראַקטער פֿונעם סיפּור־המעשׂה האָט זיך אין תּוך ניט געביטן, זענען בײדע נוסחאות פֿון "דאָס מעסערל" ביז גאָר פֿאַרשיידן. אויב דער ערשטער נוסח פֿון "דאָס מעסערל" דאַרף זיכער באַטראַכט ווערן ווי אַ דערציילונג פֿאַר דערוואַקסענע, וואָס איר עיקרדיקע כּוונה איז אַ גאָר שאַרפֿע קריטיק פֿונעם טראַדיציאָנעלן דערציִונג־ און בילדונג־סיסטעם אין דער היים און אין חדר, איז די דאָזיקע כּוונה כּמעט פֿאַרשוווּנדן אינעם צווייטן נוסח. און אינעם כּתבֿ־יד פֿונעם צווייטן נוסח איז פֿאַראַן אַ בפֿירוש אונטערקעפּל וואָס באַצייכנט "דאָס מעסערל" ווי "אַ מעשׂה פֿאַר ייִדישע קינדער". די ענדערונגען אין צווייטן נוסח, סײַ דאָס צוגעגעבענע פֿון דאָס נײַ און סײַ דאָס אויסגעמעקטע און געענדערטע אין פֿאַרגלײַך מיטן ערשטן נוסח פֿון 1887, איז בפֿירוש אויסן צוצופּאַסן "דאָס מעסערל" פֿאַר דעם נײַעם אַדרעסאַט. די דאָזיקע טענדענץ ווערט פֿולשטענדיק קלאָר פֿונעם ווײַטערדיקן אויסוואַל פֿון טעקסט־ציטאַטעס פֿונעם ערשטן נוסח, וואָס זענען אינעם צווייטן נוסח ניט פֿאַראַן. דער נײַער מאָטאָ פֿון דער דערציילונג, פֿון די עשׂרת־הדיברות, וואָס פֿעלט אינעם ערשטן נוסח, שטימט מיטן מאָראַליסטישן סיום פֿון דער דערציילונג אין איר נײַעם לבֿוש, לויט די דעמאָלט אַלגעמיין גילטיקע קאָנווענצן אין דער קינדער־ליטעראַטור.

אינעם נײַעם נוסח פֿון 1903 זענען מילדער און אײדעלער אַלע געשטאַלטן אין "דאָס מעסערל" — דער עיקר דאָס געשטאַלט פֿונעם פֿאָטער, אָבער אויך פֿון דעם הער הערץ הערצנהערץ. אַפֿילו דער מלמד איז מילדער ווי דאָס פּאַראַלעלע געשטאַלט אינעם נוסח פֿון 1887. אין צווייטן נוסח פֿעלט דאָס געשטאַלט פֿון דער גאָר שטאַרק קריטיקירטער מומע סימע. ס'איז קענטיק אינעם צווייטן נוסח אַ שפּראַכלעך־סטיליסטישע רעדאַקציע, וואָס קומט טיילווײַז צום אויסדרוק אינעם פֿאַרבײַט אויף מער קאָלאָקוויאַלע אויסדרוקן: באמת טאַקע (געווען אין 1887:ווירקלעך); וואונדערלעכער (צאַבערלעכער!); בלישטשעט (בליאַסקעט); עצה (אידעע); חלום (קאָשמאַר); רוצח (ראַזבאָיניק); בשורה (לעצטע נײַס) אאַז"וו.

דער ערשטער נוסח איז ניט געווען פֿאַרטיילט אין קאַפּיטלעך.

*

ז' 4, שורה 11 פֿון אויבן איז נאָך "נאָר וואָס אָנגעהויבן צו לערנען גמרא" געווען אין 1887: 'גיטין' האָבן מיר געלערנט; איך האָב אַ סימן, אַז דעמאָלט האָט מיך דער רבי שטאַרק געממיתט; דער רבי איז געווען דעמאָלט (ער איז שוין לאַנג געשטאָרבן, עה"ש!) 'דער כאַדאָראָקער', אָדער ווי מיר ייִנגלעך האָבן אים גערופֿן: 'מאָטי גזלן'... אוי, האָט ער געשלאָגן! אוי, האָט ער געשמיסן! ביז דעם בלוט אַרײַן! ביז דעם טויט אַרײַן! דערצו איז ער נאָך געווען אַ שיכּור אויך, אַ גוואַלדאָוונער שיכּור! ער האָט זיך פֿאַרגונען איין מאָל, ל"ג בעומר, אויסטרינקען, פּאַוואָלינקע, בלא גוזמא... נאָר ווּהין בין איך פֿאַרקראָכן? (ז' 4).

ז' 5, שורה 13 פֿון אונטן איז געווען נאָך: "קומענדיק פֿונעם חדר":
מיט אַ פֿאַרדולטן קאָפּ פֿון זייער אַ פֿאַרפּלאָנטערטער פֿראַגע פֿון דער גמרא: 'האשה שנפלה מן הגג ונתקע בעץ' (אַ ייִדענע, וועלכע איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון אַ דאַך און האָט זיך אַרויפֿגעשטעקט אויף אַ שטיק האָלץ...),[1] איבער וועלכע מאָטי גזלן האָט מיך שיער געטויט... וואָס האָב איך געזינדיקט, אַז אַ ייִדענע קלעטערט אויף אַ דאַך און פֿאַלט אַראָפּ? וואָס בין איך שולדיק, אַז זי היט זיך ניט און פֿאַלט גלײַך אויף אַ שטיק האָלץ? פֿאַר וואָס קומט דאָס מיר, אַז מ'זאָל מיך אויפֿהייבן פֿאַר די אויערן ביז דער סטעליע און מע זאָל מיך שלאָגן גלײַך אין די ציין אַרײַן איבער אַ נאַרישער ייִדענע, וועלכע אאַז"וו?... די דאָזיקע אַלע געדאַנקען זענען געווען טיף באַגראָבן אין מיר, און קיינער האָט פֿון דעם נישט געוווסט (ז' 7).

ז' 6, שורה 12 פֿון אונטן איז געווען נאָך "פֿונעם נאַקעטן קאָפּ":
אאַז"וו?... איך האָב, געוויינטלעך, איבערגעגעבן דעם רבין (מאָטי גזלן) אַלע חפֿציות פֿונעם דאָזיקן דײַטשישן ייִד, האָט מאָטי גזלן אַליין מיט זײַן מויל געזאָגט, אַז ער, דער דאָזיקער דײַטש איז איינער פֿון די רשעים, וואָס דער גיהנום איז פֿאַר זיי קאַרג, און איידער זיי וועלן זיך שטעלן צום בית־דין של מעלה מוזן זיי פֿריער עטלעכע דורות מגולגל ווערן אויף דער וועלט אין אַ בער, אַ וואָלף, אַ הונט, אַ 'דבֿר־אחר' אאַז"וו. און נאָך דעם טויזנט מאָל טויזנט מאָל דורכפֿליִען כּף־הקלע פֿון איין עק וועלט ביז דעם אַנדערן עק וועלט און ערשט נאָך דעם אַרײַנטרעטן, אי דאָס מיט זכות־אָבֿות, אין דעם ערשטן פֿאָדערשטיבל פֿונעם גיהנום... (ז"ז 8–9)

1 ס'האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ "מוכּת עץ", אַ מיידל וואָס האָט פֿאַרלוירן אירע בתולים צוליב אַן אומגליקספֿאַל, אַ קלאַפּ פֿון אַ שטיק האָלץ (זען כּתובֿות, פּרק א, משנה ג און ז). אין דער גמרא ווערט דער ענין באַהאַנדלט אין כּתובֿות יא, א און אין יבמות נר, א. די ציטאַטע און דער מראה־מקום בײַ שלום־עליכמען זענען ניט קיין פּינקטלעכע. אינעם צווייטן נוסח איז באַזײַטיקט געוואָרן דער דאָזיקער "עראָטישער" חדר־לימוד און אויף זײַן אָרט איז געקומען "שור שנגח את הפרה" (בבא קמא, מו, א).

ז׳ 10. שורה 16 פֿון אויבן איז געווען נאָך "זינגט אַ דײַטשיש לידל״:
און טוט אַלע מאָל אַ קניפּ דאָס דינסטמיידל (פֿרומקע — אַ גאַנץ שיין מיידל מיט רויטע באַקן); דאָס דינסטמיידל רײַסט זיך אויס און אַנטלויפֿט און דער הער הערצנהערץ קוקט אויף מיר און לאַכט... מיט איינעם וואָרט אַלע האָבן דאָס רעכט צו געניסן פֿונעם דאָזיקן זעלטענעם זומער־אָוונט, נאָר איך ניט! איך דאַרף ליגן אין שטוב, אין דער שרעקלעכער היץ, וווּ מע קאָן דעם אָטעם ניט כאַפּן, און דאַרף אַרײַנקוקן אין אַ ספֿר!... נאָר וואָרט!... אַלע לייגן זיך שלאָפֿן; די ליכט ווערן געלאָשן: יעדער שלאָפֿט זיך אויף זײַן געלעגער; אַפֿילו דער הער הערץ הערצנהערץ, וועלכער האָט זיך נאָך אַ פּאָר מאָל געפּרוּווט אַ קניפּ טאָן דאָס דינסטמיידל (וואָס האָט ער צו איר? און פֿאַר וואָס אַנטלויפֿט פֿון אים פֿרומקע?...) איז שוין אויך אַנטשלאָפֿן געוואָרן און איך הער זײַן כראָפּען צו זיך אין הויז אַרײַן (ז׳ 15).

ז׳ 12. שורה 10 פֿון אויבן איז געווען נאָך "(מיט אַ ניגון)״:
— יאָסל...
— ווי אַזוי נאָך? (מיט אַ ניגון) זאָג: ווען ניט כאַפּסט אַ פּליאַסק אַז דו ווערסט זיך בײַ מיר באַוואַשן מיט דרײַ קוואָרט בלוט (ז׳ 19).

ז׳ 12. שורה 18 פֿון אויבן איז געווען נאָך "ווי די מאַמע האָט אים געהאַט״:
און פונקט מיט אַזאַ פּנים, ווי בײַ אַ פּרעסטופּניק[2], וועלכן מע פֿירט אויפֿן עשאַפֿאָט... (ז׳ 19).

ז׳ 15. שורה 10 פֿון אויגן איז נאָך "מאַאַאַממע!!!...״ געווען:
ניין, זי הערט ניט! וואָס הייסט דאָס? דאַכט זיך מיר, אַז איך שרײַ אויף אַ קול?... שאַ! איך הער זיך צו. און איך הער אַ יאָמערלעך געוויין מיט אַ ניגון, אַ שרעקלעך טרויעריקן ניגון פֿון עטלעכע ווײַבער, דעם געוויסן ניגון וואָס מע באַוויינט אַ בר מנן... איך הייב אויף דעם קאָפּ, און וואָס זעען מײַנע אויגן? — אַ סך יידן, ווײַבער, ליכט, אַ מיטה, די 'כלים', די שמשים!... איך הייב שוין אָן צו פֿאַרשטיין, וואָס מיט מיר טוט זיך — איך בין געשטאָרבן!... געשטאָרבן?... עס קאָן ניט זײַן! למאי הער איך, ווי מע וויינט, ווי מע רעדט? למאי זע איך אַלץ און דערקען יעדן באַזונדער? אָט זע איך ווי די מאַמע וויינט און ברעכט די הענט; אָט זע איך די מומע סימע מיט דער רויטער נאָז; זי קוקט דער מאַמע אין די אויגן אַרײַן מיט אַ שרעקלעך פֿאַרקרימט פּנים און רעוועט אויף אַ קול: ניטאָ דײַן זון, אָנגעוואָרן דײַן צירונג, דײַן זילבערנע קרוין! אַרויסגעפֿלויגן די ריינע נשמה גלײַך אין הימל אַרײַן צום בית־דין־של־מעלה זײַן אַ מליץ־יושר פֿאַר דיר און פֿאַר מיר און פֿאַר כל ישראל! אאַז״וו... (ז׳ 23).

ז׳ 15. שורה 1 פֿון אונטן איז געווען נאָך "לעפֿעלעך אײַנגעמאַכטס״:
מיט לעקעכלעך און מיט פּוטער־בולקעס פֿון אַלע זײַטן: אַפֿילו די מומע סימע מיט דער רויטער נאָז, וועלכע האָט נאָך אויף איר לעבן קיין אָרעמאַן קיין שטיקל ברויט ניט געגעבן, ברענגט מיר אויך אַלע טאָג אין פֿאַרטעך אַ שטיקל 'קוילעטש' (ז׳ 24).

ז׳ 16. שורה 13 פֿון אונטן איז געווען נאָך "טײַערע מאַמע!...״:
דאַנקען גאָט, איך קען שוין זיצן, שטיין אויף די פֿיס, אַרומגיין, עסן אַלץ וואָס אַלע עסן, — איך בין ווידער אַ מענטש: איך בין פֿריש און שטאַרק; איך פֿיל זיך אַזוי שטאַרק אין כוח, אַז עס

גלוסט זיך מיר אויף דער לופֿט, אויף דער גאַס, אַ ביסל אַ שפּרונג טאָן, אַ לויף טאָן, נאָר... מע לאָזט מיך ניט: מע דאַרף גיין אין חדר אַרײַן!... פֿונעם איינציקן וואָרט "חדר״ ווערן מיר פֿאַרקילט מײַנע געבליטן און עס ווערט מיר קאַלט אין אַלע מײַנע אבֿרים!... מײַנע לעזער, מײַנע ברידער, וועלכע האָבן כמעט אַלע געהאַט פונקט דאָס זעלבע דערציִונג וואָס איך האָב געהאַט, האָבן אַלע פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון חדר, און דרום וועלן מיר דאָ לאַנג וועגן דעם ניט שמועסן, און מחמת וועגן דעם איז דאָ אַ סך וואָס צו רעדן, און מיט רעדן אַליין וועלן מיר צו דער דאָזיקער מכה נישט העלפֿן, און ניט דאָ איז דאָס אָרט און ניט יעצט איז גראַדע די צײַט צו רעדן וועגן דעם, און O том что болит, не стоит говорить...[3] על־כל־פּנים, לעזער, מע האָט מיר אַ קלאַפּ געטון אין קאָפּ אַרײַן: 'אין חדר אַרײַן!' דאָס הייסט מיט אַנדערע ווערטער אַזוי: 'אין חדר אַרײַן, שקאָץ איינער, אין חדר אַרײַן! זיץ 12 שעה אין טאָג אויף איין אָרט אײַנגעבויגן אין אַ פֿאַרדאָרבענעם קעלער, ביז דעם האַלדז אין קויט און אין מיסט אָן פֿרישע לופֿט, אָן דוויזשעניע,[4] אָן אַ שום ראַזוּוליעטשעניע![5] אין חדר אַרײַן שייגאָץ איינער, אין חדר אַרײַן! דאָרט פֿאַרברענג די בעסטע קינדערשע יאָרן און שאַרף דיר אויס נאָר דעם מוח, נאָר דעם שׂכל, דעם קאָפּ; דעם גוף? — דער גוף איז בלאָטע! אין דרויסן שײַנט די זון — דאָס איז ניט פֿון דײַנעט וועגן! די לופֿט איז פֿריש און געזונט און צערטלעך — דאָס איז ניט צוליב דיר! עס בעט זיך אויף דער גאַס, אויפֿן פֿעלד, אויפֿן גרינעם גראָז, אַהין, נאָענט צו דער נאַטור — ניין, ייִנגעלע, דאָס איז ניט אויף דײַן טאַטנס מיסט געוואַקסן געוואָרן! דו גיי דיר צו 'מאָטי גזלן' אין חדר אַרײַן, און בייג דיר דעם רוקן אין דרײַען, און ווער געוואָר צו 12 יאָר אַזעלכע וויכטיקע זאַכן און ענינים, וועלכע דו וואָלסט ניט פֿאַרשפּעטיקט צו 20 יאָר אויך... גיי ייִנגעלע אין חדר אַרײַן, גיי!... (ז״ז 25–26).

2 פֿאַרברעכער (רוס׳).

3 וועגן דעם וואָס טוט וויי איז ניט כדאי צו רעדן... (רוס׳).

4 באַוועגונג (רוס׳).

5 פֿאַרווײַלונג (רוס׳).